## קאַפּיטל פינף

# אַ טיול אין נגב

ווען איך בין געווען אין ישראל, זענען קיין באַנען נישט געלאָפן. דער איינציקער וועג פון טראַנספּאָרטאַציע איז געווען דער אויטאָבוס. עטלעכע קאָאָפּעראַטיוון האָבן געהאַט דעם מאָנאָפּאָל אויף דעם פאַרקער פון לאַנד. די אויטאָבוסן זענען געלאָפן נישט זייער אָפּט. דערצו זענען זיי געווען נישט גאָר קיין נייע. די וועגן זענען שמאָלע און שלעכטע. דאָך קומען אָן און פאָרן אָפּ די אויטאָבוסן כמעט אין צייט. אַ ניו-יאָרקער, וואָס איז צוגעוווינט צו דער סאָובעי, (אונטערערדישע באַן) צו די פּינקטלעכע באַנען און גרויסע באַקוועמע אויטאָבוסן, וואָס פאָרן אָפּ און קומען אָן צו דער מינוט, דאַרף זיין שטאַרקער פון אייזן נישט צו פאַרלירן זיין געדולד, וואַרטנדיק אויף די אויטאָבוסן. און אַז דער אויטאָבוס קומט שוין אָן, איז אָפּט נישטאָ קיין אָרט צו זיצן און מ׳דאַרף שטיין דעם גאַנצן וועג.

אָבער מ׳דאַרף געדענקען, אַז מדינת-ישראל איז ערשט איין יאָר אַלט, און קיין אויטאָמאָבילן ווערן אין לאַנד נישט אויסגעאַרבעט. צו קריגן נייע מאַשינעס, דאַרף מען האָבן דאָלאַרן, און עס זענען פאַראַן בילכערע זאַכן צו קויפן פאַר די דאָלאַרן. אויך דאַרף מען פאַרשטיין, אַז די באַנען אין לאַנד זענען רואינירט געוואָרן, און אין יאָר איז די באַפעלקערונג פאַרמערט געוואָרן אויף מער ווי אַ דריטל.

די יידן פון ישראל זענען רייף גענוג דאָס אַלץ צו פאַרשטיין. חוץ דעם איז די זיכערקייט פון לאַנד נאָך ניי און פריש. די באַפעלקערונג האַלט אין איין דערציילן אייך:

— איר זעט דאָס שטיקל וועג אויף וועלכן מיר פאָרן? מיט איין יאָר צוריק

האָט מען דאָ נישט געקאָנט דורכפאָרן. פון ביידע זייטן זענען געשטאַנען אַראַבישע דערפער. איצט פאָרן מיר פריי און קאָנען פייפן מיטן אויטאָ־פייפער וויפיל דאָס הארץ גלוסט.

— איר זעט די חורבות? דאָס זענען געווען הייזער פון ימח־שמוניקעס. ווער האָט געוואָגט זיך דאָ צו ווייזן?

דערפאַר באַקלאָגט זיך קיינער נישט אויף דער ענגשאַפט, אויף די לאַנגע רייען, אויף דער וואַרטעניש און אויפן טרייסלען פון די אַלטע „דזשאַלאַפּיס"

אָבער פאַר אַ טוריסט, וואָס האָט נישט מער ווי אַ דריי חדשים צו זען דאָס לאַנד, איז די טראַנספּאָרטאַציע אַ גרויסע פּראָבלעם. דינגען אַ טאַקסי איז נישט פאַרן געוויינטלעכן טוריסטס קעשענע. מ׳דערציילט דאָ אַן אַנעקדאָט וועגן דעם יקרות פון דינגען אַ טאַקסי. עס זענען פאַראַן אַ סך וואַריאַנטן פון דעם אַנעקדאָט, אָבער אָט איז דער אָפּטסטער נוסח:

אַ טוריסט איז אַריין צו אַ טאַקסי־קאָמפּאַניע און געזאָגט:

— איך וואָלט געוואָלט דינגען אַ טאַקסי אויף דריי טעג.

— בבקשה, ביטע — האָט געענטפערט דער באַלעבאָס — אָט שטייען דריי טאַקסיס, קלייבט אויס.

דער טוריסט קלייבט אויס אַ טאַקסי און דערקלערט:

— פאַרשטייט מיך, איך וויל אַליין טרייבן די מאַשין און באַזאָרגן גאַז און אייל.

— גוט, עס וועט אייך קאָסטן אַזויפיל און אַזויפיל.

דער טוריסט ענטפערט:

— איר האָט מיך נישט פאַרשטאַנען. איך וויל נישט קויפן אייער טאַקסי. איך וויל זי בלויז דינגען.

דער וויץ טרייבט גאָרנישט איבער דעם הויכן קאָסט פון פאָרן מיט טאַקסיס.

נו, איידער איך האָב זיך אָנגעזעגנט זען דאָס לאַנד, האָב איך געוואָלט זען דעם נגב. לאָזן זיך אַליין אין נגב איז אויסערגעוויינטלעך שווער, איבערהויפּט וואָלט עס אַוועקגענומען צופיל צייט. די ישובים זענען ווייט איינער פון אַנדערן. אַליין דינגען אַ טאַקסי איז געווען נישט פאַר מיין קעשענע. האָב איך באַשטימט צו פאָרן מיט מיין פאַמיליע אויף איין טאָג אויף אַן אָרגאַניזירטן אַרויספאָר.

שטאַרק צום הארצן איז עס מיר נישט געווען. מ׳נעמט אייך נאָר ווו זיי מיינען, אַז עס איז אינטערעסאַנט. מ׳קאָן זיך אין ערגעץ נישט אָפּשטעלן. מ׳קאָן נישט אַ קוק טון ווו מ׳דאַרף נישט. אָבער אונטער די אומשטענדן איז עס בע־

סער ווי גאָרנישט. אפילו אָט דער פון פריער צוגעגרייטער ארויספאָר האָט מיך געקאָסט אין איין טאָג מער פון זיבעציק דאָלאַר פאַר פיר מענטשן, חוץ עסן.

דעם ארויספאָר האָט אראַנזשירט די הסתדרות. מיר זענען אריין אין ביוראָ איינצוזאָלן. דער אָנגעשטעלטער האָט מיך געפרעגט צי איך בין אַ מיטגליד פון דעם נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד.

איך האָב איך געפרעגט:

— מה ענין שמיטה להר סיני? וואָס האָט איינס צו טון מיטן אַנדערן?

— אויב איר זייט אַ מיטגליד פון פאַרבאַנד, זייט איר דאָך אַ מיטגליד פון דער הסתדרות, רעכענען מיר אייך דערפאַר מיט צען פּראָצענט וויניקער. דאָס איז פאַר מיר געווען אַן איבערראַשנדיקע אַנגענעמע שטיקל נייס, און איך האָב געשפּאָרט איבער פינף דאָלאַר.

הייסן האָט מען אונדז געהייסן קומען זעקס אַזייגער. נו, האָב איך געדונגען אַ טאַקסי צוצופאָרן פון רעננה קיין תל־אביב, אַ מרחק פון אַ זיבעצן מייל, דאָס האָט מיך געקאָסט צוועלף דאָלאַר. אָבער דער „טיול" האָט זיך ערשט אָנגעהויבן אַכט אַזייגער, און מיר האָבן געקאָנט רואיק קומען מיטן אויטאָבוס. און דאָך האָט איינער פאַרשפּעטיקט און אונדז דעריאָגט מיט אַ טאַקסי אַ צוואַנציק מייל נאָך תל־אביב.

מיר זענען געפאָרן אין צוויי אויטאָבוסן. אין איינעם זענען געזעסן די העבּ־רעער, און אין צווייטן — די, וואָס האָבן נישט געקענט קיין העברעאיש. איך האָב זיך אריינגעזעצט אין אויטאָבוס פון די „עם־הארצים".

באַלד ווי מיר זענען ארויסגעפאָרן פון תל־אביב, און אונדזער וועגווייזער האָט אָנגעהויבן אָנווייזן אויף די היסטאָרישע און וויכטיקע ערטער פון ישוב, האָבן מיר געהאַט צרות מיט אים. ער האָט גערעדט ענגליש, אַ שלעכטן ענגליש, און דערצו נאָך מיט אַ בריטישן אַקצענט. דער עולם האָט אים וויניק וואָס פאַר־שטאַנען, און מיר האָבן אים אָנגעהויבן בעטן, אַז ער זאָל ריידן יידיש. ער האָט אונדז געזאָגט, אַז קיין יידיש קאָן ער נישט; אָדער ענגליש, אָניט העברעאיש. ווען מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ ווילע, האָבן מיר זיך באַקלאָגט פאַר דעם אָנפירער. ער האָט אים געהייסן רעדן יידיש. נו, האָט ער גערעדט יידיש צו אונדז. זיין יידיש איז געווען נישט ערגער פון זיין ענגליש. און ווען ער האָט זיך פאַרגעסן, אַז ער „קען קיין יידיש נישט", האָט ער גערעדט גאַנץ גלאַט. האָט ער זיך פאַרהאַקט מיט אַ וואָרט, האָט ער געזוכט אַן ענגליש וואָרט, נישט אַלע־מאָל דעם ריכטיקן, אָדער אַ העברעאיש וואָרט אַלעמאָל דעם ריכטיקן, און דער עולם האָט אים אַרויסגעהאָלפן, און עס איז געווען פרייליך.

אַ צוויי שעה האָט זיך געצויגן דער וועג דורך אַלטע ישובים, און אַלע מאָל

האָבן מיר געהערט דעם זעלביקן שפּרוך: „דאָ איז געווען אַן אַראַבישער ישוב. ס'איז געווען אַ סכנה דורכצופאָרן פאַר דער מלחמה. אין דעם און אין דעם יאָר זענען געהרגעט געוואָרן אַזויפיל און אַזויפיל. אין דער צייט פון דער מלחמה זענען אויף דעם אָרט געפאַלן אונדזערע בחורים אין די צענדליקער". מיר זענען געקומען צו אַ שייד-וועג. ביידע אויטאָבוסן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אַלע זענען אַרויס אויפן פרייען פעלד. דער הויפּט וועגווייזער האָט אַ פייף געטון אויף זיין פייפל. עס איז געוואָרן שטיל, און ער האָט אָנגעהויבן ריידן, פאַרשטייט זיך אויף יידיש, כדי אַלע זאָלן פאַרשטיין:

— קוקט זיך צו צום וועג. דאָ האָבן זיך אונדזערע קעמפער איינגעגראָבן ווי פעלד־מייז. דעם וועג האָט מען געמוזט האַלטן און נישט דורכלאָזן די מיצרים. אונדזערע בחורים האָבן נישט געהאַט קיין אַנטי־טאַנק ביקסן, נישט קיין מאַשין־געווער, בלויז האַנט־גראַנאַטן און מאָלאָטאָוו־פלעשלעך. די מיצרים האָבן זיך נישט דורכגעריסן.

— און זעט און קוקט (זיין לשון) — דער וועג איז נאָך באַרימט פון גאָר פאַרצייטנס. דער וועג איז דורכגעגאַנגען פאַרביי צוויי שטעט: עפרה און שפיר (אפרא און שאפיר). אין מיכה, קאַפּיטל איינס, פּסוקים י' און י"א, שטייט:

— אין גת זאָלט איר נישט דערציילן, וויינען זאָלט איר נישט וויינען. אין די הייזער פון עפרה קייקלט זיך אין שטויב. גיי דיר אַוועק (אין גלות), דו איינוווינערין פון שפיר.

— אין חזקיהוס צייטן איז סנחריב אָנגעקומען מיט דעם וועג. ער איז געגאַנגען אויף ירושלים. נישט ווייט דערביי זענען די פּלישתימשע שטעט: גת, אשקלון. איר פילט, אַז דאָ איז קיל, אפילו אין דער היץ פון טאָג, ווייל דאָ איז אַ שטענדיק ווינטל. עס בלאָזט פון מיטללענדישן ים. איר געדענקט ווי ישעיה מאָלט דעם שנעלן גאַנג פון די אשורישע חילות?

לעבן מיר איז געשטאַנען אַ ייד אין די הויכע זעכציקער. זיין קאָפּ, באָרד און וואָנצעס זענען געווען אָפּגעגאָלט. קיין ברעמען און וויעס האָט ער אויך נישט געהאַט. זיינע אויגן זענען געווען גרויסע און האָבן אַרויסגעשפּאַרט פון די לעבער. ער האָט גערעדט צו זיין ווייב אויף אַ משונהדיקן זשאַרגאָן:

— וואָס האַקט ער אַ טשייניק? „הו איז אינטערעסטעד אין די בייבל"? (ווער אינטערעסירט זיך מיט דער ביבל?) דאָס זענען דאָך „פוליש סטאָרים" (נאַרישע מעשות), „שאו מי לעבן, איצטיקן פּאַלעסטיין". וואָס מיינט ער: „וויאר עי בייבל־קלעס"? (מיר זענען אין אַ ביבל־קלאַס?)

איך בין אַוועק אין אַ זייט, דערווייטערט זיך פון דעם עולם און באַקוקט דאָס פעלד. ווי ווייט דאָס אויג האָט געקענט זען — פלאַך לאַנד. קיין ביימעלע,

קיין קוסט, קיין בערגל. דאָ און דאָרט אַ פֿריש פֿאַרשאָטענער גראָבן און אַ פֿאַר־בליבענע רער אַריינגעשטעקט ווי אַ שטאַנג אין דער ערד מיט אַ דראָט פֿון אויבן, וואָס וויגט זיך אין ווינט. איך האָב אויף אַ רגע פֿאַרמאַכט די אויגן. איך האָב געזען: יידישע בחורים ליגן אין די גראָבנס און וואַרטן אויף די אַרמייען, וואָס דאַרפֿן אָנקומען פֿון האָריזאָנט. מיטאַמאָל הער איך אַ טופּען פֿון פֿערד, אַ קלאַפּן פֿון רייטוועגענער. אויסגעשרייען הער איך: די פֿיילנשיסערס פֿון סנחריב זענען אָנגעקומען. און איבער אַלץ הער איך קלאָר אַ שטים:

„ער איז געקומען אין ענת,
ער איז דורכגעגאַנגען מגרון,
אין מכמש האָט ער איבערגעלאָזן זיין געפּעק.
זיי זענען אַריבער דעם באַרג־שטעג,
אין גבע האָבן זיי גענעכטיקט,
רמה האָט געציטערט...
ער פּאַטשט מיט זיין האַנט קעגן ציון,
קעגן דעם הויכן אָרט — ירושלים."

ווער האָט עס גערעדט? האָב איך געהערט אַן אַלטע שטים, וואָס דער אָפּ־הילך אירער איז געבליבן אין אָט דער דורכזיכטיקער לופֿט פֿון דעם פּאַרוואָר־לאָזטן פֿעלד? אָדער האָט עס דער וועגווייזער אַזוי שיין און קלאָר ציטירט ישעיהן?

דער אָנפֿירער האָט געפּייפֿט איינגעשפּאַרט אויף זיין פּייפֿל. קאָנטיק איך בין צו ווייט פֿאַרקראָכן אינעם פֿעלד און ס'איז צייט אַריין אין די אויטאָבוסן. לעבן מיר איז ווידער געשטאַנען דער ייד מיטן נאַקעטן קאָפּ און גערעדט צו זיין ווייב:

— וואָס באַלעבעשט ער? פּעסט! אפֿשר וועלן מיר באַלד קומען צו אַ קי־בוץ און מיר וועלן קריגן אַ „קאָלד דרינק אָף וואַטער"? (אַ קאַלטן טרינק וואַ־סער) עס הונגערט מיך. האָסט עפּעס געבראַכט גוטע סאַנדוויטשן פֿון דעם האָטעל?

מיר זענען געפֿאָרן ווייטער. דער נגב האָט זיך אָנגעהויבן אויסצושפּרייטן פֿאַר אונדז. פֿאַר מיילן ווייט האָבן אַרבעטער געאַרבעט ביי די זייטן פֿון וועג — געלייגט וואַסער־רערן. איך ווייס נישט פֿון וואַנען מ'ציט די רערן און וווּ־הין מ'ציט זיי, אָבער דער פֿאַרמעסט איז אַ גרויסער.

דער נגב זעט אויס גאָר אַנדערש ווי איך האָב זיך פֿאָרגעשטעלט. איך האָב געמיינט, אַז דער נגב איז אַ מדבר: זאַמד און הימל. אָבער דער נגב ביז

באר־שבע (ווייטער האָט מען אונדז נישט געפירט) איז באַדעקט מיט הויכע גראָזן. די גראָזן זענען פאַרטריקנט פון דער זון, אָבער ס'איז פאָרט נישט זאַמד אַזן הימל. דאָ און דאָרטן גרינט אפילו דאָס גראָז. נישט זעלטן זעט מען אין מיטן פאַרברענטן גראָז ווי עס שטייט אַ גרינער פאַרצווייגטער בוים. דער וועג־ווייזער האָט אונדז דערקלערט:

— אָט דעם גרינעם בוים רופט מען „אשל", ווי עס שטייט געשריבן אין חומש: „און אברהם האָט פאַרפלאַנצט אַ טאַמאַריסקנבוים — אַן אשל — אין באר־שבע". דאָרטן שטייט ער ביזן היינטיקן טאָג און איך וועל אייך פירן צו אים. אָבער דערווייל זעט ווי מאָדנע דער בוים וואַקסט: נישט איבעריק הויך, אָבער זייער פאַרצווייגט אין דער ברייט. און געדענקט: וווּ אַן אשל שטייט דאָרט איז דאָ וואַסער.

לעבן מיר איז געזעסן אַ ייד פון ברוקלין, פון אונדזערע יידן. ער האָט זיך אַ קער געטון צו מיר:

— מאָדנע, מאָדנע, מיר פאָרן אויף בלעטלעך חומש און נביאים.

ער האָט מיר אָנגעבאָטן אַ פּאַפּיראָס. ווי עס זעט אויס, האָט ער מיך ערשט גוט אָנגעקוקט. ער האָט מיך דערקענט און געזאָגט:

— אַן איינפאַל, איר זייט דאָ מיט אונדז אין אויטאָבוס, און איך האָב גאָרנישט געוווּסט. ס'איז גוט וואָס איך האָב אייך דאָ באַגעגנט. אפשר וועט איר מיר קענען אויפקלערן עטלעכע זאַכן דאָ אין לאַנד?

איך האָב אים געענטפערט:

— איך בין דאָ ערשט די צווייטע וואָך. וואָס קען איך וויסן בעסער פון אייך?

— דאָ גייט נישט אין צייט. איר פאַרשטייט זאַכן בעסער פון מיר. איך בין דריי וואָכן אין לאַנד. ווי איר זעט מיך, פאָר איך אַרום. איך נעם אַזעלכע „טיולים" וווהין מ'פירט מיך אַרום. דעם אמת וועל איך אייך זאָגן: דאָס לאַנד איז וווּנדערבאַר. קליין אָבער שיין. אונדזערע יידן וועלן מאַכן אַ לייט פון דעם; אָבער איבערהויפּט איז מיר מאָדנע, וואָס מ'האָט געהאַלטן אין איין איינרעדן אונדז, אַז ס'איז נישטאָ וווהין זיך אַהינצוטון. ס'איז אַ ליגן. וווהין איך פאָר, זע איך אַלץ פּוסטע פעלדער און וויסטע בערג. דאָס לאַנד איז דאָך פּוסט! אונדזערע יידן, וואָס האָבן אויפגעבויט בראָנקס, בראַנזוויל, באָרא־פּאַרק, איסט־פלאַטבוש, פלאַטבוש און קווינס וועלן זיך אַ נעם טון צו ישראל. וועט דאָס לאַנד אויפגעבויט ווערן און אויפגעלעבט ווערן.

— נו, איז דאָך גוט. איז וואָס קוועטשט אייך אונטערן לעפעלע?

— יאָ, דאָס איז גוט. די ערשטע פּאָר טעג האָב איך געמיינט, אַז איך וועל דאָ פאַרברענגען אַ דריי חדשים. איך בין דאָ בלויז דריי וואָכן, און איך פאָר צוריק.

— פאַרוואָס?

— איך שעם זיך אייך צו זאָגן. איך, אַ ציוניסט, פיל זיך דאָ ווי אַ פרעמ־דער. איך בין נאָך גאָר נישט אַזאַ אַלטער ייד. איך האָב ליב צו גיין אויף אסיפות, צו אַלערליי פייערונגען, אין טעאַטער, צו קאָנצערטן. דאָ בין איך אַ שטומער. אין גאַס, אין אויטאָבוס, אין האָטעל, אפילו אין פּאָסט־ביוראָ ווערט מען צו אייך טאַקע רעדן יידיש, אָבער צו וועלכער ס'איז אסיפה, פאָרשטעלונג — אַלץ עברית. און איך פאַרשטיי נישט קיין וואָרט. איך האָב דאָ נישט אפילו קיין יידישע צייטונג. יאָ, אַן ענגלישע צייטונג דרוקן זיי, אָבער איך בין נישט אַזאַ קענער פון ענגליש. איך וויל אַ יידישע צייטונג.

— וואָסי, איר זייט אַ יידישיסט? — האָב איך אים געפרעגט.

— חלילה, קיינמאָל נישט געווען. אָבער זיין אין יידן־לאַנד און זען אויף די „סטענדס" צייטונגען אויף אַלערליי לשונות: ענגליש, דייטש, פויליש, רו־מעניש, און אויף יידיש נישט — איז מיר פריקרע. פאַרשטייט מיך אַקוראַט: איך זאָג נישט, אַז מ'זאָל דאָ מאַכן אוים העברעאיש. אָבער לאָזט יידיש. אפילו זייער העברעאיש איז מיר עפּעס פריקרע. איך קאָן אַ פרשה חומש, אפילו אַ שטיקל רש"י, אָבער עס האָט גאָר נישט וואָס צו טון מיט דעם לשון, וואָס זיי רעדן. פון „אברהם" איז געוואָרן „אַווראַהאַם", פון „שרה" איז געוואָרן „סאַ־ראַ". ס'איז עפּעס גאָר אַ מין אַראַביש.

— נו, דאָס איז שוין אַן אַלטע זאַך — האָב איך געענטפערט.

— איר ווייסט דאָך דעם וויץ — האָט דער ייד געשמייכלט — איך האָב עס ערשט אויסגעפונען. איך האָב געהערט און געוווסט, אַז מ'רעדט דאָ העב־רעאיש, אָבער איך בין דאָ אין לאַנד צום ערשטן מאָל. איז זאָגט מיר: עס זע־נען דאָך נאָך דאָ אַזויפיל יידן, וואָס רעדן יידיש, פאַרוואָס פאַרזאָרגט מען זיי נישט מיט קיין צייטונג און פאַרווײלונג?

איך האָב זיך נישט געוואָלט אַריינלאָזן מיט אים אין קיין וויכוח, און איך האָב געענטפערט:

איך בין דאָ ערשט צוויי וואָכן, קאָן איך נישט זאָגן קיין מיינונג. חוץ דעם, בין איך אַ יידישיסט און בין פסול ווי אַן עדות.

— איר דרייט זיך אַרוים — האָט דער ייד געזאָגט.

— אפשר — האָב איך געענטפערט.

דער אויטאָבוס האָט זיך אָפּגעשטעלט. דער וועגווייזער האָט אויסגערופן:

— מיר זענען אין „נגבה״! מיר בלייבן דאָ אויף אַ האַלבער שעה!

נגבה. וועגן דעם קיבוץ האָט מען געשריבן און געשריבן. אַנטקעגן דעם קיבוץ איז געווען אַ פעסטונג. פון אַט דער פעסטונג האָט מען געקענט זען דעם קיבוץ, ווי אויסגעלייגט אויף אַ טעלער. די מיצרים האָבן באַשאָסן דעם קיבוץ טאָג און נאַכט. דאָך האָט נגבה זיך נישט אונטערגעגעבן. די קיבוצניקעס האָבן אָפּגעשטעלט די מיצרישע אַרמיי. דער וועג קיין תל־אביב איז געבליבן פאַר־שטעלט.

די העראָאישקייט און העלדישקייט פון נגבה איז באַשריבן געוואָרן פון פּובליציסטן און דערציילער, און באַזונגען געוואָרן פון פּאָעטן. נגבה איז גע־וואָרן דער סימבאָל פון לעצטער מלחמה. פאַרשטייט זיך, אַז אונדזער טיול האָט אַרייַנגענומען אַ באַזוך אין נגבה.

אַלע מיטפאָרערס האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַרום דעם וועגווייזער. ער האָט אָנגעהויבן צו רעדן:

— אונדזער נהג (שאָפער) האָט גאַנץ אָפט געבראַכט אַהער אַמוניציע און שפּייז. איך האָב געמיינט, אַז ער וועט אייך דערציילן וועגן די אויפטו־אונגען פון די העלדן פון נגבה. אָבער איך זע, אַז מאָטל גייט אַהער. ער איז דער בעקער פון קיבוץ. ער איז געווען דער מפקד, דער קאָמאַנדיר. אפשר וועט ער אייך דערציילן וואָס דאָ האָט זיך אָפּגעטון.

דער מנהיג האָט אַ רוף געטון:

— מאָטל, קום נאָר אַהער. אפשר וועסטו דערציילן מיינע אַמעריקאַנער וועגן נגבה. אָבער דו וועסט דאַרפן רעדן יידיש. העבער העלפט פון זיי פאַר־שטייען נישט קיין עברית.

— נו, יידיש איז יידיש. איך האָב נאָך נישט פאַרגעסן מיין בעסאַראַבער יידיש — האָט מאָטל געענטפערט. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויף אַ בערגל זאַמד, וואָס איז געווען לעבן אַן אויסגעגראָבענער טראַנשיי, און האָט אָנגע־הויבן רעדן.

איך בין אַוועק באַקוקן דעם ישוב. וועגן די העלדישקייטן פון נגבה האָב איך זיך געננוג אָנגעלייענט. איך האָב אין דער האַלבער שעה בעסער געוואָלט זיך באַקענען מיט די מענטשן און רעדן מיט זיי.

דער וואַסער־טורעם איז געשטאַנען, אָבער אינגאַנצן אַ צעשאָסענער, דורכ־געלעכערט ווי אַ זיפּ. עס זענען געווען דאָרטן לעכער, וואָס מען האָט גע־קאָנט דורך זיי דורכשפּאַרן דעם קאָפּ. אונטן איז דער וואַסער־טויער געווען אַרומגעצאַמט מיט אַ געלן ברעזענט. איך בין אַריין אין דעם געצעלט.

אַרום דעם וואַסער־טויער איז אויפגעבויט געוואָרן אַ מין ערד־וואַל, די

הייך ביז אַ מענטשנס גאַרטל. דאָס זאַמד איז אויפגעהאַלטן מיט אַ הילצערנעם צאַם. אַ בחורל, בלוט און מילך, איז געשטאַנען און געאַרבעט. ער האָט געאַרבעט אויף אַ דיאַגראַמע מיט פיגורן, ווי דער קיבוץ האָט אויסגעזען פאַר דער מלחמה. אַרבעטן האָט ער געאַרבעט מיט פּרימיטיווער געצייג: אַ גאָל־מעסערל, אַ קעשענע־מעסערל, אַ לעפל אויפצוגראָבן דאָס זאַמד און אַ קעסטעלע פאַרב. די פיגורן פון שטאַלן, הייזער, קי, פעלדער זענען געלעגן אָנגעלייגט אין אַ קעסטל, וואָס מ׳פּאַקט אין דעם ציטרוס־פּרוכט. ער האָט געמאָפּטן, גערעכנט און אויסגעשטעלט אײַן „געבײַדע" נאָך דער אַנדערער אויף דעם ערד־וואַל.

איך האָב מיט אים פאַרפירט אַ געשפּרעך:

— יאָ, ער איז דאָ געווען די גאַנצע צייט פון דער באַלאַגערונג. אַ וווּנדער וואָס מען האָט אויסגעהאַלטן? נו, מען האָט געמוזט אויסהאַלטן, אַניט זענען מיר געווען גרייט דאָ צו פאַלן און צעפּערטלט ווערן פון די פּראַים. קיין שפּילעכל איז עס נישט געווען. קיין זיכערקייט, אַז מיר וועלן אויסהאַלטן, איז נישט געווען. צום גליק איז געקומען דער ערשטער וואָפן־שטילשטאַנד. דאָס האָט אונדז געראַטעוועט. דער צווייטער וואָפן־שטילשטאַנד האָט געראַטעוועט די אַראַבער.

— וואָס איז געבליבן פון קיבוץ? איר קאָנט עס זען אין אַן אַנדער געצעלט. איך שטעל אויף ווי דער קיבוץ האָט אויסגעזען פאַר דער מלחמה. נאָך צוויי אויסשטעלונגען זענען פאַראַן אין אַנדערע געצעלטן: ווי עס זעט אויס דער קיבוץ נאָכן חורבן און ווי ער וועט אויסזען נאָך דעם ווי מיר וועלן אים איבערבויען. בלויז דער צעשאָסענער וואַסער־טויער וועט בלייבן אויף זײַן אָרט פאַר אַן אָנדענק לדורות.

— עס איז פאַראַן אַרבעט איבערן קאָפּ. אַוודאי וואָלט געווען גוט ווען מיר קריגן אַרײַן אַ דריי הונדערט נייע עולים: אָבער זיי קומען נישט. זיי ווילן זיך נישט באַזעצן אויף אַ קיבוץ, און נאָך אויף אַ קיבוץ אַזוי ווייט פון שטאָט. איז אונדז נישט גוט. מיר דאַרפן דינגען טאָג־אַרבעטער. דאָס טויג נישט.

— ניין, די קינדער זענען נאָך נישט צוריקגעקומען. ס׳איז נישטאָ וווּ זיי צו האַלטן. אָבער אין אַ פּאָר חדשים אַרום וועלן די בנינים זײַן פאַרטיק. מיר האָבן געקראָגן אַן הלוואה.

צוליב וואָס אַ הלוואה? זעט דאָך, דער קיבוץ איז כמעט אין גאַנצן צעשטערט. איבערבויען קאָסט אַ מטמון מיט געלט. מיר האָבן דאָ געהאַט געענוג געהויבענע געסט, אפילו אייער מאָרגנטוי און פּריש זענען דאָ געווען. אַלע האָבן געזען דעם חורבן און באַוווּנדערט אונדזער העלדישקייט, און אונדז צוגעזאָגט הרים וגבעות. איר האָט עפּעס געזען? מיר נישט. נו, האָבן מיר געקראָגן אַ הלוואה.

— זאָגט זשע מיר, יונגערמאַן, — האָב איך געפרעגט — די אַרבעט ברענט אונטער די הענט. איר דאַרפט דינגען לוין-אַרבעטער, און דאָ גרייט איר צו אַן אויסשטעלונג, וואָס שלינגט איין אַזוי פיל אַרבעט. אין אַ פּאָר טעג אַרום וועט איר האָבן אַ שמחה, איר האָט איינגעלאַדן מענטשן פון גאַנצן לאַנד. דאָס קאָסט דאָך געלט. ווו איז דער שכל?

— וואָס מיינט איר? — האָט דער בחור געענטפערט — מיר זענען ראָבאָטן? נאָר שלאָגן זיך און אַרבעטן? אַביסל קולטור איז אויך אַ נויטווענדיקייט.

דער וועגווייזער האָט געפייפט. איך בין אַרויס פון געצעלט. מיר האָבן זיך געלאָזט אין וועג.

מיר זענען אָנגעקומען, קיין באר־שבע. אַ שיינע שטאָט. ווייניק חורבות. דער גרויסער מעטשעט נישט באַרירט. לעבן מעטשעט אַ פיינער, גרויסער רעסטאָראַן פול מיט מיליטערלייט.

באַלד ווי מיר האָבן אָפּגעגעסן האָט אונדז דער וועגווייזער גענומען ווייזן די שטאָט. פריער האָט ער אונדז געפירט זען אברהמס ברונעם, וואָס אברהם האָט געגראָבן און די קנעכט פון אבימלכן האָבן אַוועקגעגזלט. איבערן ברונעם איז אויפגעבויט אַ דאַך, אָדער אַ מין געצעלט פון שווערע שטיינער. אויבן אין דעכל איז דאָ אַ לאָך, פון וואַנען מען קאָן זען דאָס וואַסער אין ברונעם. אַ ראָד מיט אַ לאַנגער קייט, צו וועלכער עס זענען צוגעלייגט אייזערנע עמערלעך, איז גלייך איבער דער עפענונג. אַזוי שעפּט מען דאָרטן וואַסער.

די טוריסטן האָבן זיך אַ לאָז געטון, אַרויפגעקלעטערט אויפן דעכל, נאָך העכער אויפן דערבייאיקן שטיינערנעם בויגן. די ווייבער האָבן געקוויטשעט. די קינדער האָבן געשריגן און די מענער האָבן גענומען פאָטאָגראַפיעס.

איך בין געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן אַ וואַנט פון אַ האַלב איינגעפאַלענעם הויז, אַביסל ווייטלעך פון דעם ברונעם, און געקוקט אויף די טומלענדיקע טוריסטן, און בשום אופן האָב איך זיי נישט געקאָנט פאַרבינדן מיט אברהם אבינו. וויפיל איך האָב זיך נישט געמאַטערט, האָב איך זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז די מענער און פרויען וואָס זעען אויס ווי אַלע אַנדערע אַמעריקאַנער זענען אור־אור־אור־אייניקלעך פון אברהם אבינו, וואָס האָט געגראָבן דעם ברונעם אין באר-שבע.

דער וועגווייזער האָט אַ פייף געטון: ער נעמט מיט אַלעמען צו זען דעם שענסטן בנין פון באר־שבע. די יידישע אַרמיי האָט אים איבערגענומען. פריער איז דאָרטן געווען אַ געריכט, נאָך פריער — אַ פּענסיאָן פאַר די מיידלעך פון די געהויבענע אַראַבער. איצט איז דאָס הויז אַן אָפּרו־קלוב פאַר די סאָלדאַטן. עס וועט דאָרטן זיין וואָס צו זען.

איך בין געבליבן אליין. איך האָב געקוקט און געקוקט אויפן ברונעם. א דאמף האָט זיך געהויבן פון דעם וואסער. די שטילקייט האָט אזש געטומלט אין די אויערן. די ליכטיקייט פון דער זון איז געווען אזוי העל, אז מען האָט זי געקאָנט אָנטאפּן. צו מיין רעכטער האנט איז געשטאנען א שילד: „ווייטער גיין אין נגב איז פארבאָטן".

איך בין געשטאנען און געקוקט אויף דעם ברונעם, אויף דעם דאמף און אויף דער ליכטיקייט. מיטאמאָל האָב איך דערהערט קולות. קולות לאנג־פאר־געסענע. מיין מלמד, שלום „דאָס קרומע הענטל" לערנט מיט אונדז חומש:

— ויהי בעת ההיא — און עס איז געווען אין יענער צייט, ויאמר אבימלך ופיכל שר צבאו אל אברהם לאמר — האָט אבימלך און פיכל, זיין פעלדמאר־שאל, געזאָגט צו אברהמען אזוי צו זאָגן: אלהים עמך בכל אשר אתה עושה — גאָט איז מיט דיר אין אלץ, וואָס דו טוסט.

און אָט איז פארשוואונדן דער שטיינערנער אוהל איבערן ברונעם. בלויז א ראנד פון פיר־קאנטיקע שטיינער איז געבליבן. אברהם און אבימלך און פיכל זענען אָנגעקומען. אבימלך, א הויכער, א דארער, א שווארצער אראבישער שייך. לעבן אים פיכל, דער פעלדמארשאל, א קורצער, א גראָבער, מיט קלוגינקע איי־געלעך. קנעכט און זיבן געבונדענע שעפסן. נישט ווייט איז דער אשל פון אב־רהמען.

— ווי קומען זיי צוזאמען? — טראכט איך — דער אשל איז דאָך גע־פלאנצט געוואָרן שפּעטער.

אָבער אָט שטייט אברהם אליין און איך פרעג אים:

— טאטע אברהם, האָסטו גאָר נישט געבענקט נאָך חרון, און דער טאטע דיינער — נאָך אור־כשדים? ברידער און שוועסטער זענען דאָרטן געבליבן. אויך דאָרטן זענען ביימער געוואקסן פארפלאנצט. און דאָ האָסטו מיט אבימלכן זיך געדארפט קריגן און קעמפן מיט מלכים. דו האָסט דאָך דאָרטן אויך דער־קענט גאָט?! טאטע אברהם, דאָרטן היים און דאָ היים. ווי אזוי?

אברהם האָט נישט געענטפערט. אַן אנדער קול האָט מיך אויפגעוועקט:

— שלום! וואָס שטייט איר דאָ איינער אליין. זיי אלע קלייבן זיך דאָך שוין אָפּצופאָרן.

איך טו א קוק: א מעם־צאדיק (משטרה צבאות — מיליטערישער פּאָלי־ציימאַן) שטייט לעבן מיר און שמייכלט.

— איר רעדט גאָר יידיש? — האָב איך געפרעגט.

— איך בין א קנאפּער קענער פון עברית. איך בין ערשט צוויי יאָר אין לאנד.

— ווי אזוי זענט איר געוואָרן אַ פּאָליציימאַן?

— די אַרמיי פרעגט נישט.

— וואָס היט איר?

— איר זעט נישט? ווייטער פון שילד טאָר מען נישט גיין.

איך האָב געפילט, אַז עס שווינדלט מיר אין די אויגן — הפנים די היץ. מיר האָבן זיך צוגעזעצט אין שאָטן. ער האָט מיר געבראַכט אַ קאַלטן טרונק וואַסער. דערנאָך האָבן מיר זיך פונאַנדערגערעדט. אַן אַלטע מעשה. ער איז געבליבן אַליין, איינער פון אַ גאַנצער משפּחה.

איך האָב פאַרמאַכט די אויגן און אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אין דער וואַנט און געהערט. באַלד האָט זיך אַריינגעמישט נאָך אַ שטים. אברהם אבינו האָט מיר געגעבן דעם פאַרשפּעטיקטן ענטפער:

— וואָלטן די אבימלכס דאָ געבליבן, ווו וואָלט ער זיך אַהינגעטון? קשיות פרעגן איז ווייניק, אַמאָל מוז מען אויך געפינען אַ תירוץ.

דער יונגערמאַן האָט מיך צוגעפירט צום אויטאָבוס. מען האָט געוואַרט אויף מיר. אין פינף מינוטן אַרום האָבן מיר זיך געלאָזט פאָרן צוריק קיין תל-אביב.

צוריקוועגס האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אין עטלעכע קיבוצים. מיר האָבן באַזוכט יד מרדכי, וואָס איז געווען פאַרנומען פון די עגיפּטער. מיר האָבן געזען דעם ברודער קבר פון די געפאַלענע. אונדזערע טוריסטן האָבן זיך פאָטאָגראַפירט לעבן קבר. אביסל שפּעטער האָבן אַלע זיך אַ לאָז געטון אונטן אין טאָל, ווו דער נייער עס-צימער געפינט זיך. מען האָט געהאַלטן אין מיטן עסן, און אונדזערע טוריסטן זענען אַריין מיט אַ טומל, קרוב צו זיבעציק מענטשן. אַ קיבוצניק האָט פאַרלוירן זיין געדולד און געפרעגט:

— ביי אייך אין אַמעריקע לאָזט מען זיך אַריין צו יענעם אין הויז אין מיטן עסן?

נישט אַלע זענען באַלד אַרויס.

אַ שעה שפּעטער האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אין אַן אַנדערן קיבוץ, אַ יונגער קיבוץ: ניר עם. צענדליקער בחורים און מיידלעך. די בחורים אין יאָר· מעלקעס. די מיידלעך אָנגעטון ווי אין אַלע קיבוצים.

די יונגע חברה האָט אונדז סערווירט טיי. מיר האָט זיך נישט אויסגעלייגט אין קאָפּ, פאַרוואָס זיי סערווירן מיט אַזאַ חשק הייסע טיי צו זיבעציק פרעמדע מענטשן. זיי אַנטשולדיקן זיך נאָך פאַרוואָס זיי האָבן נישט קיין צובייסן.

איך האָב נישט געהאַט דאָס האַרץ צו טרינקען די דערלאַנגטע טיי. איך

בין געזעסן אין א ווינקל און האָב זיך פונאַנדערגערעדט מיט א בחור. ער האָט מיר דערציילט פון דער מלחמה־צייט, און ווי זיי זענען אהער אָנגעקומען צו פאַרנעמען דעם וויסטן באָדן. יאָ, חוץ אַרבעטן האָבן זיי א חברה משניות, א חברה ש"ס, די מיידלעך לערנען אויך, מ'דאַוונט דריי מאָל א טאָג, די מיידעך זיצן ביים דאַוונען אויף דער לינקער זייט. די בחורים — אויף די בענק אויף דער רעכטער זייט. שידוכים ווערן געשלאָסן. זיי האָפן צו האָבן א געמישטע ווירטשאַפט. דערווייל איז שווער. איבערהויפּט פאַלט שווער, וואָס ס'איז אַזוי ווייט פון א ישוב. מען איז צופרידן ווען ס'ווייזט זיך א פרעמדער מענטש.

און אין נאָך קיבוצים האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט, אָבער קיבוצים וועל איך באַשרייבן שפּעטער.

מיר זענען געפאָרן צוריק קיין תל־אביב. דער עולם איז געווען מיד. מ'איז אָבער נישט איינגעזעסן שטיל. מיר זענען פאַרבייגעפאָרן א שטאָט. א מעם־צאַדיק האָט אונדז אָפּגעשטעלט: „דאָ איז די אַראַבישע געטאָ". ניין, נישט קיין אָפּגעצאַמטע, אָבער דאָך האָט מען געדאַרפט עפענען א טויער אונדז דורכצולאָזן. די גאַס האָט געקישעט פון אַראַבער: פרויען, מענער, אַלטע לייט און קינדער. זיי האָבן נישט געקוקט אויף אונדז. עטלעכע יונגע בחורים זענען געזעסן אויפן טראָטואַר און געררייכערט טראַציק.

אונדזערע טוריסטן זענען אביסל צעטומלט געוואָרן. אייניקע האָבן גערעדט שטיל: „פע, דאָס איז נישט שיין". אַנדערע האָבן געענטפערט: „נו, ס'איז דאָך נאָך מלחמה־צייט. וואָס זאָל מען טון? מ'קאָן זיי דאָך נישט לאָזן פראַנק און פריי. וואָסי, ס'איז פאַרצאַמט, נאָר סאָלדאַטן היטן". געווען אָבער צווישן אונדז אויך אַזעלכע, וואָס האָבן אויסגערופן מיט פרייד: „דאַנקען גאָט, זיך דערלעבט! נישט זיי אונדז פאַרצאַמען, נאָר מיר פאַרשפּאַרן זיי"

מיר זענען צוגעפאָרן צום אַרויסגאַנג, וואָס איז געווען פאַרשטעלט מיט פעסער. די זעלנער האָבן אונדז דורכגעלאָזן און געפּאַכעט צו אונדז מיט די הענט. דער אויטאָבוס איז געגאַנגען פּאַמעלעך. עטלעכע יידן האָבן אויסגערופן:

— היט זיי גוט! היט זיי!

מיר זענען אָנגעקומען קיין תל־אביב האַלב נאָך ניין אין אָוונט. מיר האָבן פאַרשפּעטיקט דעם לעצטן אויטאָבוס, וואָס גייט קיין רעננה. איך בין אַוועק זוכן א טאַקסי. די שטאָט, א באַלויכטענע, האָט גערוישט און געטומלט. קינדער האָב געהאַט א פעולה אין נאָענטסטן פּאַרק. קאַנטיק, דער „נוער עובד", זוייל איך האָב געזען א מדריך (אָנפירער), וואָס האָט אָנגעפירט דאָס זינגען און טאַנצן. איך האָב זיך אָפּגעשטעלט צו הערן וואָס זיי זינגען. זיי האָבן געזונגען דאָס שלום־ליד, מולדת:

„מוטער־לאַנד, מוטער־לאַנד. מירן דיך בויען.
מוטער־לאַנד, ס'איז אונדזער לאַנד...
מיר בויען דיך, מוטער־לאַנד,
דאָס איז דער געבאָט פון אונדזער בלוט,
דער געבאָט פון דורות.
אַ סוף צו פאַרשאָלטענער קנעכטשאַפט!
דער אָפּגלאַנץ פון אַ ליכטיקער האָפענונג
שטורעמט אויף אונדזערע בלוטן...

די קינדער האָבן געענדיקט און זיך צעשאָטן מיט פרייד. דער אָנפירער האָט אָנגעהויבן אונטער־צואיילן די, וואָס זענען נאָך געבליבן שטיין אין רעד־לעך:

— צייט אהיימגיין!

איך האָב געפונען אַ טאַקסי. מיין פרוי האָט געפרעגט מיט פאַרדרוס:

— וואָס האָט עס דיר גענומען אַזוי לאַנג?

איך בין געווען מיד, זייער מיד פון דעם פאָרן. פון אַלץ וואָס איך האָב געזען און געהערט. די משפּחה איז אַריין אין טאַקסי. איך האָב זיך אוועקגע־זעצט לעבן שאָפער און פאַרמאַכט די אויגן. די מאַשין האָט זיך גענומען טראָגן, דער שאָפער האָט געברומט די מעלאָדיע פון דעם לידל, וואָס די קינדער האָבן געזונגען.